ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# גדולת משה
# ונשיקות משה

אידיש

**78**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

# גדולת משה

## ונשיקות משה

אין דעם ראזיגען ספר ווערט דער ציילט דיא גדולה פון משה רבינו ע"ה אונ אויך אלץ וואס ער האט געזעהן אויף דעם הימל אונ אויך אין דער צייט אז השי"ת האט זיך צו אים באוויזען אויף דעם בארג סיני וואס ער ווערט גירופען הר הורב אויך ווערט דער ציילט דאס שטארבין פון משה רבינו אונ אלץ וואס ער האט געזעהן אין גיהנם אונ אין גן עדן אונ מיר האבען עם מעתיק געווען אויף עברי טייטש כדי מען זאל עם קענען פאר שטיין.

# ГЕДУЛАСЪ МОШЕ

т. е. величіе Мойсея

ВИЛЬНА,
Типографія Б. Ціонсона, Трокская д. 13.
1913.

# גדולת משה

פתאות בעצי היער) אזו ווי איין עפיל בוים וואס שטייט אין דעם האלץ פון דעם וואלד וואס דארטן וואקסען ניט קיין שום פירות אויף די ביימער. איז ער דאך בוודאי זייער חשוב כן הדי בין חבנים אזו אויך איז געוועזן מיין פריינד צווישען דיא אנדערע זין דס מיינט מען משה רבינו ע"ה: אין דער צייט אז גאט ב"ה האט צו אים געזאגט גיי אונ ציא ארויס דיא קינדער ישראל פון דעם לאנד מצרים דען זייער געשרייא האב איך געהערט אונ האב געדיינקט דעם כריתות ברית אונ דעם געשוואר אונ די שבועה וואס איך האב געשווארען צו אברהם מיין קנעכט. האט משה רבינו געזאגט ווער בין איך דאס איך זאל גיין צוא פרעה. אונ איך זאל אוס ציהען די קינדער ישראל פון מצרים. האט גאט צו אים געזאגט משה דו האסט זיך זייער נידעריג געמאכט אונ האסט געזאגט ווער בין איך אז איך זאל גיין צו פרעה. דרום וועל איך דיך ערליך האלטין גלייך ווי עס שטייט געשריבן ושפל רוח יתמוך כבוד דער וואס האט אנידעריגע גימיט טוט אים אונטער לעהנען דער כבוד אונ איך וועל דיר ווייזען אלע מלאכים פון דעם הימל. דער

# נשיקות משה

פי לנו גדול ממשה ווער איז צו משה רבינו גלייך אין דער גאנצער וועלט דען השם יתברך ברוך הוא האט מיט אים גירעט פה אל פה. אויך האט זיך הקב"ה אליין מתעסק געוועזן בקבורתו של משה (ולא ידע איש את קבורתו) אונ קיינער ווייסט ניט זיין מקום קבורה:

אז די צייט איז געקומען אז משה רבינו עליו השלום האט געדארפט שטארבען. אונ יהושע זאל צו ישראל דס לאנד מאכען ארבען. זאגט משה רבינו רבש"ע זיי ניט גלייך אז איין מענטש דר דא האט גיהאט איין יונגען קנעכט איז ער אים זייער ליב געוועזן אונ אז ער איז אין דער עלטער געקומען האט ער אים דס דינסט אוועק גענומן. גאט ווארף מיך ניט אוועק אין מיין אלטע טאגין. גידיינק מיר גאט איך האב אין מיין יוגינט פרעה מיט צעהן שלעק געשלאגין. ווארף מיך ניט אוועק (רבש"ע) אין מיינע טעג פון דער עלטער. גידיינק מיר אז איך האב אין יוגינט דעם ים געשפאלטן. גידיינק מיר ווען דיא ישראל האבען דס עגל געמאכט. האב איך פר זיי מ'ליץ געוועזן פערציג טאג אונ נאכט. אונ האב זיי ווידער אונטער דיין פליגיל געבראכט. (רבש"ע) זיי מיך מציל פון מלאך המות פון זיין שווערד. ווען איך האב צו ישראל געזאגט עס איז קיין אנדער גאט אויף דעם הימעל אונ אויף די ערד. אויך האב איך צו די ישראל וואסער פון דעם פעלדער

# גדולת משה

נאך האט גאט ב"ה גיבאטען צו מט"ט שר הפנים. אונ האט איהם גיזאגט גייא אונ ברענג צו משה אוף דעם הימל מיט הארפען אונ פידלען אונ פויקען אונ טאנצען אין פרייד אונ מיט גיזאנג אונ לויב. האט מט"ט גיזאגט רבש"ע משה קען נימז אויף גיין אויף דעם הימעל צו זעהן אין די מלאכים ווארום עס איז פר האנדען אזעלכע מלאכים וואס זענען פון פייער אונ משה איז דאך איין בשר ודם. האט גאט ב"ה ווידר גיזאגט גייא אונ בריינג צו משה אונ ואקסט פר קערין זיין פלייש צו פלאם פייער. איז מט"ט גיקומען צו משה ווי משה האט דר זעהן דעם מט"ט איז ער דער ציטערט גיווארען. האט משה איהם גיפרעגט ווער ביסטו האט מט"ט איהם גיזאגט איך בין חנוך דר זון פון ירד דיין עלטר פאטר. האט גאט ב"ה מיך גישיקט דיך ארויף ברענגען צו זיין כסא כבוד. האט משה גיזאגט צו מט"ט איך בין דאך פלייש אונ בלוט וועל איך ניט קענין קוקען אויף די מלאכים. איז מט"ט אוף געשטאנען אונ האט פר קערט זיין צונג צו איין בראנד פייער אונ זיינע אוגין זענין איהם געווארען אזוי ווי דיא רעדער פון דער מרכבה

---

# נשיקות משה

אוים גיצוגען לאז מיך גאט ווייטער לעבין. וועל איך ווייטער שבח והודיה צו דיין הייליגען נאמען געבין. איך בין דער משה דער דא האט גיגעבן דיא ישראל פערציג יאר דעם מן צו עסין. אונ אז איך וועל שטארבן וועלין דיינע נסים ווערין פאר געסין. אויך ווען ישראל וועלין דינען צו אנדערע געטער גרוים אונ קליין. וועט זאגין דינט צו קיין אנדרין גאט נייערט צו גאט אליין. אזוי ווייא איך האב גיטאן בייא דעם עגל אונ האב דם עגל פר שטערט. דא האבן זיך די ישראל ווידער צו דיר גקערט. אונ נאך מיין מיתה ווערין זייא עבודת גילולים מערין. אונ קיינער וועט זייא ניט מאכען שטראפין הערין. אבער ווען דו גאט וועסט מיך לאזין לעבין וועסטו דורך דעם גילויבט אונ גיאכפערט ווערין. אונ דו האסט צו ישראל מאכען נידעריין מן אונ רעגין. אונ אז איך משה וועל שטארבען וועט דאס אלץ ח"ו פר געסין ווערין. דרום זאלסטו גאט מיין גישרייא אונ גיוויין אוים הערין. ענטפערט גאט אונ זאגט אז איך וועל דיך לאזען לעבין. וועלין די ישראל אוים דיר ח"ו עבודת גילולים מאכין אונ וועלין צו דיר איין לויב געבין. זאגט משה אדרבא דורך מיר איז דאך גיווארען פר שטערט דר עגל אונ די לוחות פון דעם כסא הכבוד האב איך גיגעבין צו די ישראל מיט גרוים פייער אזו האבען די ישראל גיענטפערט כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע

פיר

און זיין כח איז געווארען אזו ווי דר כח פון די מלאכים. און האט אים
ארויף גיבראכט אויף דעם הימל. און פופציג טויזנט מלאכים זענען
אים גישטאנען פון דער רעכטער זייט און פון דער לינקער זייט און
מט"ט און משה זענען געשטאנען אין מיטן און האבן ארויף גבראכט
משה אויף דעם הימעל:

כשעלה ווי משה רבינו איז אויף גיגאנגען אויף דעם ערשטען הימל
וואס ער איז גלייך צו דעם ערשטען טאג אין דר וואך האט ער
גיזעהן ווי די וואסר שטייען ציילין וויים און דר גאנצר הימל איז פול
מיט פענצטר און ביי איטליכען פענצטער שטייען מלאכים. האט משה
גיזאגט צו מט"ט וואס זענען די פענצטר. האט מט"ט אים גיזאגט דיא
פענצטער זענין פון די תפלות. פענצטער פון תחנה. פענצטער פון
בקשה. פענצטער פון געוויין. פענצטער פון שמחה. פענצטער פון
זעטיקייט. פענצטער פון הונגער. פענצטער פון עניות. פענצטער
פון עשירות. פענצטער פון [illegible]. פענצטער פון שלום.
פענצטער פון הריון וואס איז טייטש טראגין. פענצטער פון געווינען.
פענצטער פון אוצר רעגין. פענצטער פון טוי. פענצטער פון זיגר.
פענצטער פון תשובה. פענצטער פון גרויסקייט. פענצטער פון טוט.
פענצטר פון לעבין. פענצטר פון די מגפה פון די מענטשין. פענצטר

---

# נשיקות משה

מיר וועלין אלע הערין און טאן. אזוי האבען די מלאכים אלע גיזאגט
צו די ישראל וואול צו אייך אז איר זייט אין די מעלות גלייך מיט אונז.
אויך האבען די מלאכים גיזאגט ווי קענען די ישראל ריידען נשמע אדר
נעשה דען זייא מוזין דאך שטארבען דרום גאט זאלסטו צו אונז
געבין דיא תורה ווארום מיר וועלין אייביג לעבין. און איך האב מיך
געפארכט די מלאכים איין תשובה צו געבין זיי זאלין מיך ניט איין
ברענגען מיט פייער. אזו זאגט גאט צו מיר משה פארכט דיך ניט
נעם דיך אן ביי מין כסא הכבוד אזו זאג איך צו די מלאכים מיר
זענען וואול בעסר אז דיא מלאכים דען איר קענט ניט קומען צוא
דעם שם הקודש ביז איר מוזט צו פאר דריי ווערטער אויס דעם
מויל ארויס לאזין און זאגין דריי מאל (קדוש קדוש קדוש) דר נאך (ה'
צבאות) און מיר זאגין דעם (שם הקדוש) נאך צווייא ווערטער (שמע
ישראל ה') אויך זייט איר ניט גיוועזן אין (גלות מצרים) אויך קענט איר
ניט האלטען קיין (כבוד אב ואם) אויך האט איר גיגעסין ביי אברהם
אבינו פלייש און פוטער. אזו זיינען די מלאכים אלע אוועק גיגאנגען

## גדולת משה

פון דיא בהמות. קענצטער פון רפואה. קענצטער פון קראנקייט. קענצטער פון געזונד. אונ משה האט דארטען געזעהן זאכען וואס האט קיין פארשטאנד ניט. אונ זעלבע וואונדער וואס האבן גאר קיין צאל ניט: עלה משה איז משה ארויף געגאנגען אויף דעם אנדערען הימעל. ווס ער איז גלייך צוא דעם אנדערין טאג אין דער וואך. האט ער דארטען געזעהן איין מלאך אונ זיין נאמען איז אויך גלייך ווי דער זעלביגער טאג אונ ער איז גרויס דרייא הונדערט מייל. אונ פופציג מאל צעהן טויזנט מלאכים שטייען פר אים ווס זיי אלע זענין פון פייער אונ וואסער. אונ זייער פנים איז קעגין דער שכינה אונ האבן געזאגט שירה פר גאט ב"ה דעם פסוק (גדול יי ומהולל מאוד) דס איז טייטש גאט ב"ה איז גיאכפערט אונ איז זייער גילובט. האט משה גיפרעגט צו מט"ט ווער זענין די דאזיגע האט מט"ט אים גיזאגט דס זענען די מלאכים ווס זענין ממונה איבר דעם וואלקען אונ איבער דעם ווינט אונ איבר רעגין. אונ גייען אונ טוען דעם ווילען פון דעם בשעפער אונ קערין ווידער צו זייער ארט אונ לובען פר גאט ב"ה. האט אים משה גפרעגט ווארום שטייען זיי מיט זייער פנים קעגין דער שכינה. האט מט"ט אים גיזאגט פון דעם טאג אן ווס גאט ב"ה האט זיי בשאפען האבן זיי זיך ניט גירירט פון זייער ארט:

---

## נשיקות משה

בחרפה פון מיר. אויך זייגען דיא מלאכים געגאנגען אויף דעם הר סיני צו איטליכען מאן אונ האבען אים צוויא גירדענע קרוינען אן געטאן. אויך האבען מיר די מלאכים (ששים רבוא רבבות) מוזין אום דעם וועג גיין. נוא איז דען בילך דאס איך זאל מוזין ליידין פון דעם מלאך המות דעם טויט:

נאך דעם זאגט ווידער משה (רבש"ע) ווארום ביסטו מוחל ישראל די זינד אום יום כפור אונ מיר ווילסטו ניט מוחל זיין. שטראף מיך ליבער מיט יסורים נאר ניט צו שטארבען פון דעם מלאך המות: זאגט גאט משה דו וועסט ניט גערעכטען מיט דיין גיוויין דו מוזט דאך פון דער זינדיגער וועלט אוועק גיין אונ אין דעם ליכטיגן גן עדן אריין גיין. דארטען וועסטו דיך משכים זיין מיט דיא צדיקים:

אונ דער משה בוואשט זיך מיט טרערין אונ בעט צו גאט (רבש"ע) לאז מיין גזירה דאך בטל ווערין. ער בעט הימל אונ ערד זייא וואלין פר אים גאט בעטין. אזו ענטפערין זיי צו אים מיר האבען פר

זיך

עלה משה איז אויף גיגאנגען אויף דעם דריטען הימל האט ער דארטען געזעהן איין מלאך און זיין הויך איז גיוועזען פינף הונדערט יאר גאנג. און ער האט גיהאט זיבעציג טויזענט קעפ. און אין איטליכען קאפ איז פאר האנדען זיבעציג טויזענט מיילער. און מיט אים שטייען זיבעציג טויזענט מאל צעהן טויזענט מלאכים און אלע מלאכים זענען פון ווייס פייער אלע לויבען און זינגען פר השי״ת און זאגען דעם פסוק לך יי הגדולה והגבורה צו דיר גאט איז דאס אכפערקייט און דם שטארקייט האט משה גיפרעגט צו מטט״ט ווער זענען די דאזיגע מלאכים און ווי הייסען זיי האט אים מטט״ט גיזאגט זיי הייסען אראלים. זיי זענען ממונה איבער די גראזען און איבער די ביימער און איבער די פירות און איבער דעם קארין און אלע גייען און טוהן דעם ווילען פון זייער בשעפער און קערין זיך ווידער אום צוריק:

עלה משה איז אויף גיגאנגען אויף דעם פערטען הימעל. האט ער דארטען גיזעהן דעם בית המקדש גבויעט און שטייט פון רויט פייער און זיינע שטאנגען זענען פון ווייס פייער דיינע העקעליך און זיינע ברעטער זענען פון פלאם פייער און זיינע טוערין זענען פון ברענענדיגע שטיינער און זיינע פאלאצין זענען פון גאר פינקעל שטיין און ער האט דארטען גיזעהן ווי די מלאכים גייען אריין און לויבען פאר

# נשיקות משה

זיך צו טאן אז לעתיד לבא זאל היטיל און ערד ניט חרוב ווערין. אויך בעט משה די זון און די לבנה און בערג אז זיי זאלין פר אים בעטין. אזו האבען זיי אים אויך מרתה גיוועזין. משה טוט בעטין צו דעם ים הגדול אז ער זאל פר אים בעטין. אזו זאגט דם ים צו משה. משה וום איז דיר דו פרומער מאן ווארום גידיינקט דיר ניט הקב״ה אז דו האסט בייא מיר גרויסע נסים גיטאן. גידיינק אז דו האסט מיר גישלאגין מיט דיין שטעקין און פרעה מיט זיין פאלק האט גיהאט שמערין און שרעקין. וואו איז דיין זכות ווס דו האסט גיהאט אין די יונגע צייטען אז דו האסט דר טרונקען פרעה מיט זיין פאלק ווי זייא זיינען גיקומען צו ביימען אזו האב איך מיך תיכף גימוזט שפאלטען פון וועגין דיין זכות. דרום זאל אזו אמענטש אין דר ערד ליגען. אזו זאגט ווידער הקב״ה דו משה טראכט גלייך ביז מארגן. משה דריאגיט צו דעם העכסטען מלאך און שפראך בעט פאר מיר אז איך זאל ניט שטארבען. און דער מלאך זאגט זיך האב גיהערט אז דיין תפלה וועט ניט פועל זיין און דו מוזט קומען אין דר ערד:

# גדולת משה

נאך ב״ה און זאגין גלייך וויא דהמע״ה האט געזאגט (ברש״י ״ מלאכי ג׳ כח) ווי ליגען נאך זייגע מלאכים וואס זענין שטארק אין קראפט זייא טען זיין גיבאט האט משה געפרעגט צו מט״ט ווער זענין די דאזיגע מלאכים האט מט״ט געזאגט דאס זענען דיא מלאכים וואס זענען ממונה אויף דער גאנצער ערד און אויף דער זון מיט דער לבנה און אויף דיא שטערין און אויף דיא מזלות און אויף דיא גלגלים און אלע זאגען שירה. און משה האט אויך געזעהן צוויא גרויסע שטערין וואס איטליכער שטערין איז פול די גאנצע וועלט. דער ערשטער שטערן הייסט נוגה און דער אנדערר הייסט מאדים איינער איז אובין אוף דער זון. און איינער איז אויף דער לבנה. האט משה געפרעגט צו מט״ט ווארום שטייען זיי אזו האט מט״ט אים געענטפערט דר שטערין נוגה שטייט אום זומער אוף דער זון פון וועגין ער זאל קילין דיא וועלט פון דער היץ פון דר זון. און דער אנדערר שטייט אוף דער לבנה פון וועגין צו דארעמן די וועלט פון דר קעלט פון דער לבנה: עלה איז משה אויף געגאנגען צו דעם פינפטען הימל האט ער דארטען

# נשיקות משה

ויאמר יי אל משה) נאך זאגט צו משה נוא די צייט איז געקומען אז יהושע זאל מלך זיין און דיין גוף מוז אין דער ערד אריין. אזו זאגט משה צו גאט לאז יהושע זיין דער רבי מיין. און איך וועל זיין תלמיד זיין. זאגט השם יתברך נוא משה ווען דו וועסט קענין רעכט יהושע כבוד אפ געבין. וועל איך דיך לאזין ביי דיין לעבין. אזו ענטפערט משה איך בין דאך איין זינדיגער מענטש פון פלייש און בלוט. ווי וועל איך קענין דעם צער צו זעהן אז מיין תלמיד זאל מיר אוועק נעמין מיין מלוכה און מיין האב און גוטץ. איך וויל ליבער אז איין מאל שטארבין. איידער איך זאל צו זעהן אלי טאג אז יהושע זאל מיך לעבעדיגער הייט ארבין. ליבער וויל איך געבין מיין לעבין. איידער איך זאל אים כבוד געבין. בקיצור משה האט זייער גערין געלעבט. און זאגט ליבער גאט ווען גלייך וואול עס איז ווידער די טבע דס איך זאל מיין תלמיד כבוד געבין. אבער עס איז דאך מיר זייער ליב מיין לעבין. און זאגט ליבער גאט ווען עס איז ליב דיין הייליגין נאמען דס איך זאל כבוד אן טאן צו יהושע מיין קנעכט. אזוי איז פר געווים זייער געשעכט: בכן משה גייט צו יהושע באגין פריא צו זיין געצעלט. און האט זיך היינטער די מיר געשטעלט. און הערט צו ווי יהושע לערינט תורה און משה פר שטעלט זיך דס פנים אז מען זאל אים ניט דער קענין

# גדולת משה

גיזעהן פיל כיתות מלאכים העלפט זענין פון פייער אונ העלפט פון
שנייא אונ העכער פון זייער קאפ איז אויך שנייא אונ עס פר לעשט
ניט דם פייער אונ גאט ב"ה מאכט שלום צווישען זיי דען אזו שטייט
אין פסוק ער מאכט שלום צווישען זיינע מלאכים. אונ אלע לויבין צו
גאט ב"ה. הט משה גיזאגט צו מט"ט וואס טוען זיי. האט מט"ט אים
גיענטפערט פון דעם טאג אן וואס גאט האט זייא בשאפען זענין זייא
אזו האט משה גיזאגט וויא הייסען זייא האט מט"ט אים גיענטפערט זיי
הייסען אראלים וואס ווערין גירופען אישים גלייך וויא עס שטייט אין פסוק
(אליכם אישים אקרא):

עלה איז משה אויף גיגאנגען אויף דעם זעקסטין הימעל הט ער
דארטען גיזעהן איין מלאך וואס זיין לענג איז פינף הונדערט יאר

# נשיקות משה

אונ אז די ישראל גייען ארויס אונ אריין צו יהושע אונ האבין דער זעהן
משה שטייט הינטער דעם טיר אונ יהושע ווערט דם גיוואר. אזו רייסט
ער קריעה אונ רייסט זיך אויס די האר. אונ שרייט משה מיין רבי איז
דען דם רעכט. אז איך זאל זיצין אויף דר שטול אונ דו זאלסט שטיין
ווי איין קנעכט. אויך די ישראל בעטין צו גאט אז משה זאל לערנען
תורה מיט זיי. אבער עס איז איין בת קול ארויס גיגאנגען פון הימיל.
איר ישראל מוזט לערנין די תורה פון יהושע: נוא משה אונ אלעזר
די זעצין זיך איינער פון ביידע זייטין פון יהושע אונ לערינגט זיין תורה
צו די ישראל. נוא די ישראל בעטין משה אז ער זאל מיט זיי לערנין דיין
תורה. אבער משה וואר בחרפה גיזעסין דען די תורה הט זיך פון אים
אפ גיטאן. אונ משה גייט אוועק פון יהושע: נאך דעם זאגט משה
רבינו ל בער גאט איך בין דיין קנעכט אונ דו ביסט מיין הער. אונ
האב ניט קיין אנדערין מער. די תורה אונ די ישראל זענין מיין ווייב
אונ קינד. דרום איז מיר צו שיידין זיך פון זיי זייער וויי אונ ווינד. איך
וויל בלייבין לעבין. אונ דיר שבח והודיה צו געבין. רבש"ע דו מוזט
מיר דרויף איין גוטין תירוץ זאגין. אז איך זאל ניט האבין וואס צו שרייען
אונ קלאגין. אזו ענטפערט אים ווידער השי"י אונ טוט אים זאגין. ביין
חטא איז ווייל דו האסט ניט גיהאלטין מיין פאר באט. אונ דו האסט
ווידער גישפעניגט קעגין מיר גאט. אונ דרום מוסט דו אין דער מדבר
שטארבין. ווייל דו האסט מיין באפעל גיטאן פר דארבין:

ויבא ער קומט משה צו די ישראל אונ זאגט ווארום זארט איר מיר
ניט מיינע טובות גידענקין. אונ צו בעטין אז השם יתברך זאל מיר

# גדולת משה

נאנג אז זיין צורה איז לויטער האגיל אונ מיט אים שטייען טויזנט מאל טויזנט אונ פיל מאל צעהן טויזנט מלאכים וואס זייא האבען גאר קיין צאל ניט. אונ אלע לויבען אונ זינגען פאר גאט ב"ה גליך וויא עס שטייט אין פסוק (השמים מספרים כבוד אל) האט משה גיפרעגט צוא מט"ט ווער זענען דיא דאזיגע האט מט"ט אים גיזאגט דיא מלאכים ווערין אן גירופן עירין אונ קדישין:

עלה איז משה אוף גיגאנגען אויף דעם זיבעטען הימעל אונ האט דארטין גיזעהן איין מלאך וואס ער איז לויטר פייער אונ האט דארטען אויך גיזעהן צווייא מלאכים וואס זענען אן גיקניפט מיט קייטען פון שווארץ אונ רויט פייער אונ איטליכער פון זייא איז גרויס פינף הונדערט יאר

# נשיקות משה

דם לעבין שענקין. גידענקט איך האב אייך וואסער אוים דעם פעלזין גיגעבין. איר זאלט בעטין השי"ת אז איך זאל בלייבין לעבין. דער מאנט אים דם איך האב די לוחות פון הימיל אליין אנטפאנגען. טאמער וועל איך מיט דעם זכות פון דעם מלאך המות היינט זיין אנטגאנגען. איך האב דאך דם ים גישפאלטין. טאמער וועל איך מיך פון מלאך המות קאנען בהאלטין. מיין זכות האט גיהאלפין ששים רבוא ווען איר זענט חייב גיוועזן ביי דעם עגל דעם טויט. אצונד איר ששים רבוא קענט מיר ניט העלפין אוים מיין נויט. ווארום זאלט איר מיך אם פרעטין. אונ ניט פון ביטערן טויט אוים בעטין. ווערט איר ישראל דען מיך מער ניט באדרפין. אז השי"ת טוט מיך אין מיין עלטער אוועק ווארפין:

זאגט משה ווייטער רבש"ע איז דען רעכט. אוועק צו ווארפין אין דער וועלט אזו איין גיטרייען קנעכט. איך האב דיר רבש"ע טרייא גידינט אין מיינע יונגע יארין. אונ אויף מיין עלטער לאזט דו מיך ניט דעם ירדן איבער פארין: ענטפערט גאט צו משה וייל דו האסט ניט אוף מיין כבוד חס גיוועזין. דרום קענסט דו פון דעם ביטערן טויט ניט ווערין גינעזין. אונ וייל דו האסט דעם פעלזין גישלאגין אונ האסט ניט גיוואלט צו אים רידין. דרום מוז זיך דיין נשמה פון גוף שיידין. דיין תפלה וועל איך ניט אוים הערין. מיט די שטערקע גיזערע מיתה מוזט דו גיקאנסיט ווערין: זאגט משה אזוי, ווייא אז איך קען ניט זוכה זיין צו קומען אין ירושלים. ווייל איך האב גישלאגין דעם פעלזין צווי מאל פון דעסט וועגין זאל אוים גין אויף מיר אזוי איין גזירה מן השמים: דא קומט דער מלאך המות אונ זאגט איך בין גישיקט גיווארין פון גאט. אז דו זאלסט ווידער געבין די נשמה צו דעם דער זיא דיר גיגעבין האט: זאגט משה

גאנג. האט משה גיפרעגט צו מט"ט ווער זענען דיא דאזיגע האט מט"ט אים גיזאגט דאס זענען אף און חימה האט גאט זיי בשאפען פון ששת ימי בראשית אן צו טאן זיין ווילן האט משה גיזאגט איך פארכט מיך פאר די דאזיגע מלאכים און איך קען ניט זעהן זייער פנים. איז תיכף מט"ט אויף גישטאנען און האט גיהאלזט און גיקושט צו משה און האט צו אים גיזאגט משה משה ליב האבער פון גאט פארכט דיך ניט, איז תיכף גיקילט גיווארען די דעה פון משה. דר נאך האט ער גיזעהן איין מלאך וואס זיין צורה איז פאר ענדערט פון אלע מלאכים. און זיין הייך איז פינף הונדערט מיט פערציג יאר גאנג. און ער איז גיגורט אין זיינע לענדין אין פערציג ערטער און ער איז אין גאנצען פול מיט אויגין פון פייער פון זיינע פיס ביז זיין אקין. און איטליכער וואס זעהט אים פאלט אויף זיין פנים מחמת פיל פחד. האט משה גיזאגט צו מט"ט ווער איז דער. האט מט"ט אים גיזאגט דאס איז דער וואס ער נעמט די נשמות פון די מענטשין. האט משה גיפרעגט וואו היין ער גייט. האט מט"ט אים גיזאגט ער גייט נעמען די נשמה פון איוב

## נשיקות משה

גיי דו שטן דו קענסט מיך ניט ברענגין פון מיין לעבין. איך האב ניט צייט איך מוז מיין לויב צו השי"ת געבין. דו האסט ביי מיר ניט וואס צו מאכין. איך וועל דיך גאנץ און גאר אויס מאכין. גיי דו פון מיר אוועק דען דו וועסט קריגין פון מיר גרויסע שלעק. דער מלאך המות טוט זיך שוין ביי משה בעטין. און טוט פון אים אפ טרעטין: דער מלאך המות קומט צו השי"ת און זאגט איך האב מיט דעם משה גאר ניט גימאכט. דען ער האט מיך גאר אויס גילאכט. איך וויס גאר ניט וואס ער טראכט. איז ער דען מער אויף דער וועלט ווי אלע לייט. דס ער איז אזוי פאר שייט. און וויל ניט גלויבין דס עס איז שוין גיקומען זיין צייט: השי"ת זאגט ווידער צום מלאך המות עס קאן אנדערש ניט זיין. דס דו מוסט נעמין די נשמה פון משה דעם קנעכט מיין. וועלכער איז זייער ריין און פיין. עס וואר דעם מלאך המות זייער לייד. דאך אבער מוז ער צו משה גיין און נעמט ארויס די שווערד פון דער שייד:

וויא משה האט דער זעהן דעם שווערד. האט ער איין גישרייא גיטאן האט געציטערט הימעל און ערד. האט ער אויך דער ביי אן גיהויבין גרויסע תפלות און גיבעט. און אזוי האט ער גירעט. רבש"ע איז דען דס רעכט אז דו זאלסט ניט הערין די תפלה פון דיין קנעכט. השי"ת הייסט אלע שערי תפלות פאר שליסין. בכדי אז משה זאל פון זיין תפלה

נאר

## גדולת משה

הצדיק האט משה געזאגט פאר גאט ב"ה עס זאל זיין דער ווילן פון דיר גאט פון מיינע עלטערן אז דו זאלסט מיך ניט איבער ענטפערן אין דער האנט פון דעם דאזיגן מלאך. און משה האט אויך געזעהן וויא מלאכים שטייען פאר גאט ברוך הוא און צו איטליכען איז פאר האנגען נעקם פ יגעל. מיט צווייא פליגיל באדעקט ער זיין פנים פון וועגן ער זאל ניט קומען זעהן די שכינה. און מיט צוויי באדעקט ער זיינע פיס. און מיט צוויי שוועבין זיי און לובען פאר גאט ב"ה. און איטליכר פליגיל איז זיין לענג פינף הונדערט יאר גאנג און זיין ברייט איז פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער. האט משה רבינו גיפרעגט צו מט"ט וויא הייסען זייא. האט מט"ט אים גיזאגט דיא הייסען חיות הקודש. און אונזערע חכמים ז"ל האבען גיזאגט בשעת אז נבוכדנצר הרשע האט גיזאגט איך וועל אויף גיין אויף דיא דיקע וואלקען איך וועל

## נשיקות משה

נאר ניט גיניסין. משה היבט אן ווייטער צו בעטין. און זאגט רבש"ע ווארום זאלסטו ניט גידענקען. וואס פאר צרות איך האב גיהאט אז איך האב מליץ גיוועזין פאר ישראל אז דו זאלסט זיי די זינד שענקען. אויך האב איך גיהאט גרויסע צרות אז איך האב געפירט די ישראל אוס מצרים. האב איך מיר גירעכט צו זעהען זיי מיט שמחה אין ירושלים. איך האב גיהאט מיט זיי צרות אין דער מדבר פערציג יאר. האב איך מיר גירעכט צו זעהען שמחה אז איך וועל איין נעמען ארץ ישראל גאנץ און גאר. און היינט אז די צייט איז גיקומען די ישראל זאלין בשמחה זיין. הייסטו מיר ניט קומען אין ארץ ישראל אריין. רבש"ע ווארום זאלסטו מיר ניט דער לענגערין מיינע יארין. פאר דעם זכות וואס איך בין גיגאנגען צו פרעה הרשע וואס האט גיהייסין די קינדער אין וואסער אריין ווארפען וואס וועלן ווערן גיבארין. נאך מער האב איך מיט זיי מיא גיהאט אין דער מדבר פערציג יארין. און היינט האסטו פר שלאסין אלע טויערין אז איך זאל דעם ירדן ניט קאנען איבער פארין. דער מלאך המות זאגט צו משה. משה ווען וועט שוין די צייט קומען מיט דיין נשמה צו גיין. און כל ישראל און מיכאל המלאך וועלין נאך דיר איין הספד מאכן און איין גרויס גיוויין. זאגט (מיכאל) צום מלאך המות דו רשע ווען שוין איין צדיק ווערט פר לארן. ווערט במקומו תיכף איין אנדערער צדיק גיבארין. עס איז דאך שון פר האנדין יהושע זיין קנעכט. וועלכר דינט אויך השי"ת זייער רעכט. משה פאלט אלעזר צו די פוס און זאגט גידענק מיר אז איך האב גיבעטין צו גאט פר דיין פאטער אהרן ווען די ישראל האבין דס עגל גימאכט. אזו זאלסטו אויך אויף מיר בעטין אז גאט

גלייך זיין צום אייבערשטען האט דער רוח הקודש אים געענטפערט דו רשע ווי פיל זענען די טעג פון דיין לעבין זיבעציג יאר. אונ ווען זייא זענין שטארק איז אכציג יאר. אונ אבער די הייך פון דער ערד ביז דעם הימעל איז פינף הונדערט יאר גאנג. אונ די גרעב פון דעם הימל איז פינף הונדערט יאר גאנג אונ פון דעם הימל ביז די הימלען וואס הייסען שחקים איז הויך פינף הונדערט יאר גאנג. אונ פון דיא שחקים ביז דעם הימעל וואס הייסט זבול איז הויך פינף הונדערט יאר

## נשיקות משה

זאל מיך לאזין אין ארץ ישראל אריין. ענטפערט אים אלעזר ליבער פעטער אונ רבי מיין. מיט מיין גאנצין קראפט אונ כח וועל איך פאר דיר בעטין אבער איך ווייס ניט אוב איך וועל עפיס פועל זיין. דיין טויט איז מיר זייער לייד אונ באנק. גלייך ווי איך אליין וואלט געוועזין קראנק. דען פון וועמען וועל איך די תורה לערנען אזו שיין אונ קלאר. ווי איך האב פון דיר געלערינט פיל יאר. משה זאגט ווידער צו השי"ת (רבש"ע) איך האב פאר די ישראל מספיק געוועזין טאג אונ נאכט אונ זאל ניט זוכה זיין די ישראל אין ארץ ישראל אריין צו ברענגין: זאגט גאט צו משה איך האב שוין לאנג געזאגט נעם דיר איין ראיה פון די אבות זיי האבין געמוזט שטארבין אונ זייער זכות האט זיי ניט געהאלפין. זאגט משה די אבות זענין מיר ניט גלייך. דען זיי זענין ניט געגאנגין אין הימיל אריין וואו איך בין געזעסין פערציג טעג אונ פערציג נאכט: אונ גאט זאגט ווייטער צו משה, משה דו זאלסט ניט פיל ליידין. דען דיין נשמה מוז זיך פון גוף אפ שיידין: אזו ענטפערט משה פילייכט וועט מען זאגין אז משה וואלט ניט גיזינדיגט וואלט ער ניט געשטארבין. דען אין דער יוגינט איז ער פרום געוועזין אבער אויף דער עלטער האט ער געזינדיגט: זאגט גאט צו משה איך האב אין דער תורה געשריבין אז עס וועט שוין אזו איין משה ניט זיין. נייערט דעם חטא וועלין זיי אויף דיר זאגין. ווייל דו האסט צוויי מאל דעם פעלזין געשלאגין: משה זאגט ליבער גאט דו האסט מוחל געוועזין די ישראל ששים רבוא די וואס האבין דאס עגל געמאכט אונ מיר פאר אזוי איין קליינע זאך ווילסט דו ניט מוחל זיין: ענטפערט גאט די תשובה פון איין יחיד קען ניט אזוי גיך אריין אזוי וויא די תשובה פון רבים דען זי איז טייערער. נאך זאגט משה ליבער גאט וואס טוסטו דאך פאר מיידין די תשובה פון איטליכין מאן. איטליכער וועט זאגין ווען דו גאט האסט ניט געוואלט צו משה פאר געבין מכל שכן איין אנדערין העלפסט קיין תשובה:

גאנג און די גרעב פון זבול ביז דעם הימעל מעון איז הויך פינעף הונדערט יאר גאנג. און פון דעם הימעל מעון ביז דעם הימל ערבות איז הויך פינף הונדערט יאר גאנג. און די פיס פון די חיות הקודש זענען גרויס קעגין די אלע הימלען און די קנעכיל פון די חיות זענען גרויס קעגין דעם אלעמען און די פליגיל פון די חיות זענען גרויס קעגין דעם אלעמען און דיא העלזער פון דיא חיות זענען גרויס קעגין דעם אלעמען און די קעפ פון דיא חיות זענען גרויס קעגין דעם אלעמען. און די הערנער פון די חיות זענען גרויס קעגין דעם אלעמען. און אויף זיי איז דער כסא כבוד וואס ער איז גרויס קעגין די אלע און דרויף זיצט דער מלך מלכי המלכים הקב"ה הויך און דער הויבען און דוא זאגסט דו וועסט אויף גיין אויף דעם דיקען וואלקען און וועסט זיין גלייך צום אייבערשטען. וויא צו דיר רשע און צו דיין לייב. נאר דו וועסט נידערין אין גיהנם אריין אין די זיבען וואונונג פון דעם גיהנם

---

# נשיקות משה

ויאמר אלהים אל משה נאט זאגט צו משה וואס בעטיסט אזו דיין וויינען און שרייען און קלאגין. זאגט משה לייט וועלין זאגין איך בין דורך דעם מלאך המות ווארען געשלאגין. זאגט גאט אדרבא איטליכער וועט וויסען און דאס ווערט דיין כבוד זיין. איך וועל דיך גענומען אין זיבעטין הימעל אריין דרום זאג איך. דוא משה הער אויף צו ריידען און גידיינק וואס איך האב דיר טובות גיטאן אלע דיין לעבין טאג. ווען דו משה האסט מיר גיבעטין עפעס טאן האב איך דיך תמיד גיפאלגט. אוך האב איך פון דיינט וועגין פר ענדערט די וועלט. און די הימיל האט גיגעבען ברויט און דער פעלזין וואסער. און איך האב דער מיט ישראל גישפייזט פערציג יאר אין דער מדבר מיט דעם מן. און אויך וואסער פון דעם פעלזין. און עס גיהער דאך פר קערט זיין פון דר ערד ברוט און כין הימעל רעגין. אויך האסטו ביי קרח גירעט אויב דס גיהנם איז נאך ניט בשאפען גווארין זאל ערשט בשאפען זיין. האט זיך די ערד גיעפינט און די רשעים זיינען איין גיזונקען גיווארען:

איך האב איך איין אן גישריבען וועך עס שטעכט צו דר עבודת גילולים דר זאל פר ניכט ווערין. דרום האב איך גיוואלט בשעת ענגי די ישראל פערשטערין און דו משה האסט אן גיהויבען סלח נא צו שרייען. האב איך זיך מיט דעם ווארט סלח נא גיטאן דער מייען. אויך אין דר תורה וועלכע איז מיין. האב איך אן גישריבען זכרו תורת משה גלייך דיא תורה וואר נאר דיין. אויך האב איך דיך גיליבען צוא מיר. אוי

# גדולת משה

דם דוא זאלסט דארטען גמשפט ווערין אויף אימער אונ אייביג; דער נאך האט משה גיזעהן איין מלאך אין דעם הימל וואס ווערט גרופן ערבות. אונ דאס איז דער זיבעטער הימל אונ דער מלאך זיצט אונ לערינט מיט די נשמות וואס גאט ב"ה האט זיי בשאפען פון ששת ימי בראשית אן אונ האט זיי גיראזט אין גן עדן. אונ ער לערינט זיי מיט זיבעציג לשונות אין דר ישיבה של מעלה אונ אלע זאגין הלכה למשה מסיני. גלייך ווי עס שטייט אין פסוק (דיגא יתיב) אונ די ביכער וועגין אפען. אונ דם ווארט דינא מיינט מען דעם מלאך דעם שר של תורה אונ חכמה ער הייסט יפיפי"ה פון וועגין דעם נאמען יופיא"ל דער שר פון דער תורה:

ובזוהר אין זוהר שטייט רבי שמעון האט גיזאגט אין דער צייט אז משה איז אויף דעם הימל ארויף גיגאנגען איז פאר אים גיזעסן איין מלאך אונ האט אים גילערינט דרייא הונדערט מיט זיבעציג סודות התורה. האט משה גיזאגט צו גאט ב"ה איך וועל פון דאנען ניט אראפ

---

# גשיקות משה

וואל אז בייא מיר איז קיין עסין אונ טרינקען. אזוי ביסטו בייא מיר גיוועזין פערציג טעג אונ פערציג נעכט. אויך האב איך דורך דיר גיגעבין תרי"ג מצות אין דער תורה. קעגין די רמ"ח אברים אונ שס"ה טעג אין יאר. אויך דורך דיר זיינען די ישראל גיגאנגען איבער דעם ים. אונ האבען זיך ניט אפילו בעשמירט די פים. אויך האב איך דורך דיר גימאכט דם ביטערע וואסער זים. אויך האסטו גרויסע וואונדר גיטאן מיט דעם שטעקין. אונ האב דורך דיר גיגעבין מצות מילה צו אכט טאג. אויך בשעת עגל האסטו די לוחות צו בראכען אונ האסט זייא ניט וועלין אין די הענט האלטען. האב איך דיר גיהייסען תיכף אנדערע פון גאר פינקיל אפ שפאלטין. איך האב דיר דיינע טעג גינוג כבוד אן גיטאן. איצונדר איז דיין צייט גיקומען צו שטארבען. אונ יהושע זאל מלך אן דיין שטאט בלייבען. משה זאגט רבש"ע פיל וואונדער האסטו מיט מיר אונ דורך מיר גיטאן אונ אזו איין קליינע זאך איז מיר ניט מיגליך אויס צו נעמען. זאגט השי"ת משה דו זאלסט אויף הערין צו וויינען. דען איך האב גישווארין באלד נאך דעם חטא פון עגל. אז אדער דו משה מוזט שטארבען אדער כל ישראל זאלין שטארבען. נון מיין שבועה מוז איך דאך האלטען. זאל דען חלילה כל ישראל פון דיינט וועגין שטארבען. אז דו זאלסט א"י ארבען. נוא זאגט משה ווען עס איז אזו. בעסער זאלין די ישראל איין תקומה האבען. אונ יהושע זאל פירין די ישראל

אין

גיווערין בייז דו וועסט מיר געבין גוטע מתנות האט גאט ב"ה צו אים גיזאגט משה מיין קנעכט בגרייבטער פון מיין הויז איך וועל דיר געבין מיין תורה וואס דריגען וועגען גוטע מתנות . אונ דריגען שטייט די מצות עשה אונ מצות לא תעשה . אונ ניט נאר דם אליין . נאר נאך א מתנה גיב איך דיר דם די תורה וועט גיבאכט ווערין אויף דיין נאמען . גלייך . ווי אין פסוק שטייט (זכרו תורת משה עבדי) גידענק דיא תורה פון מיין קנעכט משה א נ פון וואנען ווייסען מיר אז משה איז אויף גיגאנגן אויף די זיבען הימלען דם איז גידרונגען פון דעם פסוק (ומשה עלה אל האלהים) אונ משה איז אויף גיגאנגען צו גאט דרום משה רביינו וואס ער איז דער רבי פון אלע נביאים . איז ער גיגליכען גיווארען אין פסוק צוא איין עפיל בום וואס שטייען צווישען לערע ביימר . דען גאטס קנעכט איז גלייך צוא איין עפיל אין דעם ריח : אונ אין דעם טעם . אין דער דאזיגער צייט איז א בת קול ארויס גיגאנגען פון אינטער דעם כסא כבוד אונ האט גיזאגט . משה מיין קנעכט דוא פארכסט דיך פאר דיא מלאכים .

## נשיקות משה

זין ארץ ישראל אריין . זאגט השי"ת משה ווי וואול דיינע טעג וועלין ניט גיווערין . אבער דיין ליכט אונ דיין זעניפקייט פון מעבני גן עדן וועט אייביג גיווערין . דו וועסט ניט בדארפען די ליכט פון די זון אונ לבנה אונ שטערין . דען דיין ליכט וועט פון דיר אייביג ניט אויף הערין . אונ אז משה הט גיזעהען אז עס קען אנדערש ניט זיין . הט ער די תורה גישריבען אויף זיבעציג לשונות . אונ הט די מיתה באהבה מקבל גיוועזן . אונ הט גיבעטין די ישראל זייט מקיים וואס אין דר תורה שטייט . אונ דער מלאך גבריאל איז אראפ גיקומען . אונ הט די תורה צום בית דין הגדול גינומען . אונ זאגט פר דעם בית דין הגדול . זעהט וואס דער צדיק משה הט גימעלט . ער האט דיא תורה אויף שבעים לשונות גישטעלט :

אין דיא צייט הט משה צו יהושע די קרוין פון פעריל אונ אבנים טובות אן גיטאן . אונ זאגט צו כל ישראל הערט צו די תורה פון יהושע דער חשובר מאן . דער נאך האט משה דיא באנק פון דיא סנהדרין גישטעלט . אונ הט גיגעבין איין מתורגמן דער האט דיא תורה פון יהושע בשיידליך גיקענט . יהושע דער הייבט אן דרשנן אונ זאגט פר גע ט הימיל אונ ערד . אונ מיינע רייד זאל דין צו אייך וואויל אויס גיהערט . אונ זאגט צו ישראל זארגט ניט מיינע קינדר מיר וועלין באלד זיין אין ארץ ישראל . אונ אונזערע שונאים וועלין מיר ארויס יאגן .

פארכט דיך ניט אונ עס שטייט עיר גבורים עלה חכם, ער איז אויף גיגאנגען
אין דער שטאט פון די שבע רקיע מלאכים ויורד עוז מבטחה אונ ער האט
אראפ גינידערט די תורה. וואס זי איז אשטארק פר זיכערונג. האט
גאט ב"ה גיזאגט צו משה. מיין קנעכט משה דוא ביסט גיקומען אונ
האסט זוכה גיוועזן אונ איך האב דיך אויף געבראכט אויף דיא זיבען
הימלען. אונ האב דיר געוויזן אלע מיינע פר בארגעניש אונ האב
דיר גיגעבין מיין תורה. אזו וועסטו זוכה זיין אונ וועסט זעהען דיא
צוויי פרדסים וואס איך האב בשאפען אויף דער וועלט. איינס צו דיא
צדיקים אונ איינעם צו די רשעים אונ דאס זענען דער גן עדן מיט דעם
גיהנם. אין דער צייט האט גאט ב"ה גישיקט דעם מלאך גבריאל אונ
האט אים גיזאגט גייא גיי מיט מיין גליבטען קנעכט משה אונ ווייז אים
דעם גיהנם. האט משה צו אים גיזאגט איך וועל ניט קענען אריין גין אין
גיהנם צווישין דעם ברענעדיגען פייער. האט גבריאל צו אים גיזאגט
משה עס איז פר האנדען איין פייער וואס ברענט מער פון אלע זיבין
גיהנם פון דעכט וועגין אז דו וועסט גיין דרויף מיט דיינע פים וועסטו
ניט אפגעבריט ווערען אין דער צייט אז משה איז אריין גיגאנגען אין
גיהנם אריין איז דאס פייער פון דעם גיהנם אנטלאפען גיווארען פר
משה פינף הונדערט מייל. האט דער שר פון דעם גיהנם צו אים גזאגט
ווער ביסטו האט ער צו אים גיזאגט איך בין דער זון פון עמרם. האט דר
שר של גיהנם צו אים גיזאגט דא איז ניט דיין ארט. האט משה צו אים
גיזאגט איך בין גיקומען זעהן די גבורה פון גאט. האט גאט גיזאגט
צום שר פון דעם גיהנם גייא אונ ווייז צו משה ווי די רשעים ווערין

---

# נשיקות משה

אבער אייער בטחון זאלט איר האבין אן השי"ת אלע טאגין. אונ צוא
דעם גאט דער וואס האט גישלאגין פרעה מיט צעהן מכות: צו אים זאל
זיין אונזער בטחון. משה זאגט פילייכט מאג מיין מיתה אן הייבן פון
יהושע וועגין. דען צוויי מלכים קאנען ניט האבען איין קרוין. אונ
דרום וויל איך זיין איין קנעכט צו יהושע. טאמער וועל איך קענען
לעבין בלייבן. משה גייט אלע טאג צו יהושע.. אונ טוט אים וואסער
שטעלין אלע נאכט אונ גייט היכף אוועק. יהושע זאל דאס ניט הערין
אויך נעמט ער זיין שוך אונ מאכט זיא אפ. אונ שטעלט זיא ווידער
אנידער אויף זיין ארט. אונ אויך מאכט ער אים די קרוין צו רעכט.
אונ אויך אלע טאג שרייט ער אוים איין כרוז. הערט צו כל ישראל די
תורה פון דעם נייען מלך. משה שרייט אונ דאס הארץ איז ניט דער

גמשפט אין גיהנם. איז דער שר פון נעם גיהנם גיגאנגען פאר אים
אזוי ווי א תלמיד פר זיין רבי אונ איז גיגאנגען מיט משה אין גיהנם
אריין. האט ער דארטען גיזעהן משפטים וואס דיא מלאכי חבלה ווענען
מצער אטייל רשעים הענגען אויף דיא גרעשען פון זייערע אויגן אונ
אטייל אויף זייערע אויערען אונ אטייל אויף זייערע הענט. אונ אטייל
אויף זייערע צונגען אונ זיי שרייען. אונ ער האט גיזעהן ווי מענטשען
ווענען אין גרוס שטראף אונ פיין. האט משה גיפרעגט צו דעם שר פון
דעם גיהנם אונ האט אים גיזאגט פר וואס הענגן די דאזיגע אויף זייערע
אויגען אונ די דאזיגע אין זייערע צונגען. אונ ליידן אזו פיל צער אונ
אזו איין שווערין עונש האט דער שר פון דעם גיהנם צו אים גיזאגט דם
איז ווייל זייא האבען גיקוקט אויף איין אשת איש אונ אויף זייער
חברים געלט אויף גיזען אונ האבען פאלש עדות גיזאגט אוף אנדערע
מענטשען אונ ער האט אויך גיזעהן ווי מענטשין הענגען אויף זייערע
הענט ווענין גזולין. האט משה אים גיפרעגט פר וואס הענגען זיי. האט
ער אים גיזאגט ווייל זיי האבען גיגנבית אונ גיגזלת אונ גיהרגת לייט.
האט ער ווידער גיזעהען ווי מענטשען הענגען ביי זייערע אויערין אונ
ביי זייער צונג. האט משה אים גיפרעגט ווארום הענגען די דאזיגע בייא
זייערע אויערין אונ ביי זייער צונג. האט דר שר פון דעם גיהנם אים
גיזאגט ווייל זיי האבען מבטל גיוועזן די תורה אונ האבען גירעט לשון
הרע אונ דברים בטלים אונ נארישקייטים. אונ די ווייבער וואס הענגען
דם איז ווייל זיי האבען זיך צו פיל גיצירט צו גיזען אונ צו פערפירען

## נשיקות משה

ביי. אויך כל ישראל האבן אן גיהובען צו וויינען אונ צו שרייען. אזו
איין צדיק אלס משה איז זאל ניט זוכה זיין אונז צו פירן אין ארץ ישראל
אריין. אונ יהושע זאל יוא פירן די ישראל אין ארץ ישראל. אונ ווייא
יהושע איז גיוואר גיווארען די מעשים פון משה. זאגט ער משה משה
מיין רבי איך פארכט מיך פר דיר דו גינעהמסט מיין מיתה. דען איך
וועל פר זינדיגן יאר אונ טאג אז מיך זאל דינען אזו איין בן אדם וואס
איז אין הימל גיוועזן. משה זאגט פארכט דיך ניט מיין ליבער תלמיד דו
וועסט פון דעם קיין עבירה האבן. איך טו דיר אפ געבין כבוד ווי דו
האסט מיר גיטאן:

ויאמר משה זאגט ווידער צו השי"י ליבער גאט ווען שוין דוא האסט
גישווארין אז איך זאל דעם ירדן ניט איבר פארין. לאז איך
האטשע זיין ווי איין פייגעלע אונ זאל קענען אריבר פליהען. זאל איך

און ווען גיקומען דורך דעם צו איין עבירה דער נאך האט דער גיהנם גשריגען זייער איין גרוים און איין ביטער גישרייא און האט גיזאגט צום שר פון דעם גיהנם גיב מיר די רשעים ווי צו עסין דען איך בין זייער הונגעריג. און דער גיהנם איז קיין מאל ניט זאט און שרייט תמיד צו עסין און פר דארבען די רשעים. אבער צו די צדיקים האט דער גיהנם קיין רשות ניט איז משה גיגאנגען און האט גיזעהן איין ארט און צווייא רשעים הענגען מיט זייערע קעפ אראפ און זייערע פיס ארויף. און פון זייערע פיס ביז זייערע אקין זענען פיל שווארצע ווערם. און די רשעים שרייען און זאגען וויי איז צו אונז פר די שטראף פון גיהנם גיב אונז דעם טויט וועלין מיר שטארבען און ער ווערט צוא זיי ניט גיגעבין. גלייך ווי עס שטייט אין פסוק המחכים למות ואיננו זייא האפען צום טויט און ער איז ניט דא. האט משה גיפרעגט וואס האבען די מענטשין גיטאן וואס זיי האבען אזו איין שווערין עונש האט דר שר של גיהנם אים גיענטפערט די האבען גשווארען פאלש גיפייניגט יתומים פאלש עדות גיזאגט דרום האט גאט זיי איבער גיענטפערט אין דעם

---

# גשיקות משה

גלייך זיין אלס איין פייגעלע אין וואלד אבער לאז מיך אין ארץ ישראל אריין. אדער מיין האנט זאל זיין איין פלוש פעדער פון איין פיש. און מיינע האר גלייך ווי די שופען. מיין נוף זאל זיין אלס איין פיש און וועל שווימען איבר דעם ירדן אריבר. אדער מאך מיך שטארבען און לאז מען מיךווארפען איבער דעם ירדן איינציג וויים מיינע גלידר. און דר נאך מאך מיך לעבעדיג אין ארץ ישראל. אדער לאז מיך ביי דיא בני גד ובני ראובן לעבין בלייבען. וועלכע זייער חלק אוף דער זייט גינומען האבין. זאגט גאט דו משה ווען דו וועסט דען ליגנט מאכין מיין תורה וואס איך האב אן גישריבען דריי מאל אין יאר זאלין די ישראל עולה לרגל קומען. וועלין כל ישראל פון דיר איין ביי שפיל נעמען. און קיינער וועט ניט עולה לרגל קומען. איטליכער וועט זאגין ווארום זאל איך זיין פון משה בעסער צו קומען. און ווען דו משה וועסט איבר אלע רגלים בייא די בני גד בלייבען. אם כן האב איך צו די ישראל (שלש פעמים בשנה יראה) אום זונסט אן גישריבען. ווי משה וועהט אז עס העלפט אים ניט תפלה און בעטין. זאגט ער צו השי״ת. ליבער גאט גידיינק אז איך בין גיוועזען פערציג טאג אויף דעם הימיל אזו לאז מיר די מיתה ניט שווער זיין. טוה מיט מיר אליין וואס דו ווילסט. נייערט גיב מיך ניט אין מלאך המות הענט אריין. זאגט גאט משה

רשות פון דיא ווערים צו פייניגען זיי. האט משה אים גיפרעגט ווא אזו הייסט דס דאזיגע ארט האט דער שר של גיהנם גיזאגט ער הייסט עלוקה. איז ער פון דארטען גיגאנגען אויף אנדער ארט. זענען דארטען די רשעים גיפאלען אויף זייער פנים אונ ער האט דארטען גיזעהען וויא צוויא טויזנט עגדישען זענען בהעפט אין זיי אונ בייסען זיי אונ פייניגען זיי אונ די רשעים שרייען זייער. אונ מען פייניגט זיי דער מיט. אונ די אויגן פון די רשעים טוען צו גיין פאר פארכט. אונ זיי שרייען ווייוויי צו אונז פון אונזערע זינד אונ פון דעם טאג פון דין האט משה גיפרעגט צום שר של גיהנם וואס האבען דיא דאזיגע גיטאן. האט דער שר של גיהנם אים גיענטפערט די דאזיגע ישראלים האבען גילייקינט אין דער תורה אונ האבען זיך בגאוה גיהאלטן אונ האבען פאר שעטט צדיקים וחכמים. איז דס זייער שטראף דרום האט גאט ב"ה זיי איבר גיענטפערט אין דעם רשות פון די עגדישען אונ מלאכי חבלה קניפען זיי גוט צו מיט פייערדיגע קייטען. אונ שלאגען זיי מיט פייערדיגע שלעק. אונ די רשעים שרייען פאר די מלאכי חבלה

---

## נשיקות משה

משה דאס זאל זיין דיר דער הערט. איך וויל דיר ניט געבין אין כלאך המות זיין שווערד. אונ איך וועל מיך מיט דיין גוף אליין מתעסק זיין. אונ דו נשמה קדושה לאז דיך ניט פיל בעטין. זאלסט פון גוף דעם צדיק אפ טרעטין. איך האב דיך פאר איין פקדון אין גוף פון משה גיגעבין. אונ אצונד איז די צייט דו זאלסט קומען אין גן עדן אייביג לעבין. אפילו דס גוטס איז אן גיברייט פאר דיר. אונ וועסט זיין לעבין כסא הכבוד ביי מיר. אונ אז משה דאס הערט זאגט ער צוא זיך נעלבערט. וויא איז מיר דאס איך זאל ניט זוכה זיין אין ארץ ישראל מקיים זיין דיא מצוה פון לקט שכחה ופאה:

ויאמר משה זאגט משה צו דער נשמה ווי איז דיין דיעה. דוא נשמה קדושה ווילסטו ארויס גיין פון דעם גוף פון משה. אדער איז דס רעכט דער גוף וואס איז אויבען פערציג טאג גיזעסין זאל אים ווערים עסין. ענטפערט אים הש"י האב איך דען דיר אויך ניט מבטיח גיוועזן אליין. אז דער מלאך המות וועט צו דיר ניט קומען צו גיין. דאך איז די נשמה אין מורא אונ זאגט רבונו של עולם וואו איז נאך אזו איין גוף טהור ונקי אז משה. עס האט קיין פליג אויך קיין דבר טמא ניט אן גירירט אן זיין לייב. אויך פון דעם טאג אן אז דו האסט דיך באוויזען ביי דעם סנה. אזו האט ער זיך היבף פורש גיוועזן פון זיין ווייב. רבש"ע

אונ זאגן חוי איז צו אונז. אונ ער דר באריממ זיך נימ איבר זיי אויך האט ער דארט גיזעהן ווי מען איז בן דיא רשעים האלב אין פייער אונ האלב אין שניי זיי האבן דארטען גרוס צער האט דער שר של גיהנם גיזאגט צו משה גיי אונ זעה די רשעים אין גיהנם ווי מען איז זיי בן מיט פייער האט משה אים גיזאגט איך פארכט מיך אהין צו גיין. האט דר שר של גיהנם אים גיזאגט גייא אונ פארכט דיך נימ ווארום גאט ב"ה איז מיט דיר. ווי אין פסוק שטייט גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי דס איז טייטש אויך ווען איך וועל גיין אין דעם טאל פון דעם טויט פארכט איך מיך נימ פר גיין. ווייל דו ביסט מיט מיר איז משה פון דארט אוועק גיגאנגען אונ האט גיזעהן ווי די הילף פון דער שכינה גייט פאר אים פון וועגן ער זאל זיך נים פארכטען פר

## נשיקות משה

די צווי מלאכים (עזא ועזאל) די זיינען פון הימעל אראפ גיקומן. אונ האבען אונטען ווייבר גינומן. אונ משה פון דעם טאג אז ער האט גישמעקט מיט דיר ביי דעם סנה האט ער זיך תיכף פורש גיוועזן פון זיין ווייב. איז ער דאך פיל בעסער אז די מלאכים. איז דען רעכט אין דער ערד צו ליגן אזוי איין לייב. (ותאמר עוד) נאך זאגט די נשמה איך בין אין דאס גוף טהור וקדוש פון משה וואס ער האט די ספר תורה מיט זיין האנט גיטאן שרייבן. אונ דוא ווילסט מיך פון אזו איין גוף ארוס טרייבן. איך וויל אין דעם הייליגען גוף בלייבן שטיין. אונ ניט פון אזו איין גוף טהור וקדוש ונקי ארוים גיין. זאגט הקב"ה משה משה מען האט דיך גירופן אלם מצרי אונ דו האסט גישוויגען. דרום מוזין דיינע ביינער אין דר מדבר ליגען. אונ ווייל דוא האסט דיך ניט גילערינט פון יוסף הצדיק דער האט גיזאגט ער איז איין יהודי. אפילו ווען ער איז גיזעסין ביי פרעה אין דער תפיסה. דרום האט ער זוכה גיוועזן דם ביינע ביינער זיינען גיקומען אין ארץ ישראל נאך זיין מיתה:

אונ ווי משה זעהט אז עם העלפט אים גאר גיט קיין שום טענה. אזו זאגט ער צו הש"י. רבש"ע איך בין שוין אוף מיר מקבל די מיתה בשמחה ובאהבה. אונ דר מלאך מיכאל הייבט אן אויף אים זאגן ווער וועט פר די ישראל בעטין. אז מען זאל זיי די זינד מאכען אפ טרעטן. אונ ער זאגט איך קלאג ניט אוף משה אליין. נייערט איך קלאג אויף די ישראל. ווער וועט פר זיי גיין. ווען דו משה גרייט דיך צו שטארבן. ווער וועט אויף די ישראל מליץ זיין אז מען זאל זיי ניט פר דארבען: (וירא) משה זעהט די ישראל אונ זאגט איר גיליבט פאלק צו השם

יתברך

דיא מלאכי חבלה. ווייל איטליכער באזונדער איז פול מיט פייערדיגע אויגען אונ קייטען פון פייער איז אין זייערע הענט אונ איטליכער פון זיי איז לאנג פינעף הונדערט יאר גאנג. אין ער גיצאנגען אונ האט גיזעהן רשעים וואס מען פאר ברענט זייא האלב אין פייער אונ העלפט אין שניי אונ ווערים נאגען ארוים פון זייער גוף אונ קערין ווידער אונ גייען אויף צוא זייער ארט. אונ איין פייערדיגע זייל הענגט אויף זייערע העלזער. אונ זייא האבען קיין מנוחה ניט פון דיא מלאכי חבלה חוץ פון שבת אונ יום טוב לאזט מען זייא רוא אבער אלע טאג פייניגט מען זייא אין גיהנם. אונ אויף דיא דאזיגע זאגט דער פסוק ויצאו וראו בפגרי האנשים כי כי תולעתם לא תמות דם איז טייטש אונ זייא וועלין ארוים גיין אונ וועלען זעהען אין דיא גופים פון דיא רשעים וואס האבען ווידר

---

# נשיקות משה

יתברך. ווייל איך האב גיזאגט שמעו נא המורים. אונ האב גיזאגט אייך איין בייז ווארט. קום איך דרום פון מיין גדולה אונ מיין ארט. איר מוזט דאך ליב זיין צו גאט. ער האט מיך פון אייערט וועגין גישטראפט האט. אונ אז משה האט די תורה צו ישראל גיגעבין. איז ער ביי דעם ווארט ויאמר משה גיבליבען שטיין. ער וויל דאך ניט שרייבען ויאמר משה. ער טראכט זיך טאמער וועט נאך די גזירה בטל ווערין. אבער ווי ער האט גיזעהן עס קען אנדערש ניט זיין. האט ער דעם פסוק מיט טרערין גישריבען. איז נאך איין ביסול טרערין אין דר פען גיבליבען האט ער דם ביסיל אויף זיין פנים גיגעבין. אונ פון דעם האט ער זוכה גיוועזן צו זעהען די שכינה לוטער אונ שיין מיט זיין גיזיכט. אונ זיין פנים האט אים דר פון גילייכט ווי איין פייער. משה זאגט צו ישראל זעהט ווי איך גיי אהין אונ הער ווידער. אונ איך בין גיזונט אונ שטארק מיט אלע מיינע גלידער. אונ זעהט ווי דער בן אדם פאלט ווי איין שטיק ליים אנידער. אונ איך בין גיזונד אונ שטארק אונ גיפרישט. זעהט פון מיין מיתה אז דר בן אדם איז נישט. אונ זאגט צו ישראל נעמט אייך איין משל פון מיר. איך בין דר משה דם מיין פנים האט גילייכט אלם די זון אונ די לבנה. דאך בין איך ערשט אין גרום סכנה. איך בין דר משה דר וואס האט אויס גיהאקט די לוחות אום גאר פינקיל. אונ השי"ת האט גיזאגט די פסולת זאל זיין מיין. אונ פון דעם בין איך אזוי איין עושר גיווארען אן צער אונ אן פיין. איך האב דאך זייער פיל פר מעגין. דם איך קאן מיך מיט מיין געלט אפ וועגן. עס קאן מיר אויך ניט העלפין פון דער גאנצער וועלט דם עשירות אונ מיין געלט. אונ מוז אוועק

גיין

גישפּאַניגט אן מיר דען דיזערע ווערים וועלין ניט פיינערין. האט משה גיפרעגט צום שר פון דעם גיהנם וואס האבין דיא דאזיגע מענטשען גיטאן. האט ער גיענטפערט דס איז דער עונש פון דעם וואס ליגט מיט איין אשת איש. אונ דער וואס פר ניכט אום שולדיג בלוט. אונ דער וואס שעלט פאטר אונ מוטר. האט משה גיזאגט צו דעם מלאך וויא אזו הייסט דס דאזיגע ארט. האט ער אים גיענטפערט דאס הייסט אבדון. דער נאך האט משה גיבעטין אונ האט גיזאגט רבש"ע עס זאל זיין דר ווילין פון דיר גאט. גאט פון מיינע עלטערין אז זאלסט מיך מציל זיין אונ גאר דיינע פארשטער פון די דאזיגע ערטער וואס איך האב גיזעהן אין גיהנם. האט גאט ב"ה גיזאגט צו משה משה מיין קנעכט איך האב בשאפען צוויי וויין גערטנער דעם גן עדן אונ דעם גיהנם. ווער עס טוט בייז דער ווערט אין גיהנם אריין. אונ דער וואס טוט גוטס דער גייט אין גן עדן אריין דען עס שטייט אין פסוק אני יי חוקר לב ובוחן כליות לתת לאיש כדרכיו וכפרי מעלליו איך גאט טוא פארשטען דם הארץ אונ טו פרובין די ניריין צו געבין צו איטליכען מענטש אזו וויא זיינע וועגין אונ אזו ווי דיא פרוכט פון זיינע ווערג. דער נאך האט משה גיעפינט זיינע אויגען אונ האט גיזעהן צו דעם מלאך גבריאל האט גבריאל צו אים גיזאגט האסטו גיזעהן דעם גיהנם. האט משה גיזאגט יוא. האט גבריאל צו אים גיזאגט. קום וועל איך דיר ווייזען דעם גן עדן. איז משה

---

# נשיקות משה

גיין פון דער וועלט. אונ זאגט ווייטער ווער איז מיר אין די גאנצע וועלט גליך. בין איך דען ניט איין גבור אונ איין חכם אונ רייך. די גבורה אונ חכמה אונ עשירות די גרויסע מעלות אלע דריי. זיי קענין מיר ניט ביי שטיין אז איך זאל זיין פון די מיתה פריי. מיין זכות איז צו ששים רבוא ישראל ביי גישטאנען אז זיי זיינען אויס מצרים גיגאנגען. אונ וואס איך האב גיוואלט האב איך גיקאנט דר לאנגען. אונ הייגט אז מיין צייט איז גיקומען. קען איך מיר אליין קיין עצה ניט געבין. אונ מוז קומען פון מיין לעבין. מכל שכן איר ישראל איר זאלט אייך בדיינקען אונ זאלט אן אייערע מיתה גידיינקען. השם יתברך וועט אייך ניט שיינקען. לאז אייך אימער אייערע מיתה אין די אויגין פר שטיין. וועט איר גיוויס ניט בגערין אין די שלעכטע וועג צו גיין. אונ זאגט רבש"ע ווען איך בין ניט זוכה צו קומן אין ארץ ישראל אריין. גיב מיר לכל הפחות אז איך זאל אין תוך לארץ זיין. זאגט הקב"ה משה איך קען דיר דס ניט געבין. דען זוגסט ווי זאלסטו דען תחית המתים דר לעבין.

אויך

מיט איהם גיגאנגען אין גן עדן. ווענען די מלאכים געקומען פר איהם אונ האבען געזאגט צו משה עס איז נאך ניט געקומען דיין צייט צו שטארבען האט משה זיי גיענטפערט איך בין גיקומען צו זעהן די גבורות פון גאט ב"ה אונ דעם שכר פון די צדיקים אין גן עדן ווי אזוי זיי שטייען. ווענען די מלאכים אויף גישטאנען אונ האבען גילויבט צו משה אונ האבען גיזאגט וואול דיר משה דער קנעכט פון גאט. וואול דיר משה דאס דו ביסט גיבארען פון איין אשה אונ האסט זוכה גיוועזען אויף צו גיין אויף די זיבען הימלען וואול דעם פאלק וואס משה איז צווישען זיי. אין דער צייט אז משה איז אריין גיגאנגען אין גן עדן אריין איז גיקומען איין מלאך וואס זיצט אונטער דעם עץ החיים האט משה רבינו גיפרעגט צו גבריאל ווער איז דער דאזיגער מלאך. האט גבריאל איהם גיזאגט דאס איז דער שר פון דעם גן עדן. האט דער מלאך גיפרעגט צו משה ווער ביסטו האט ער איהם גיזאגט איך בין משה דער זון פון עמרם

---

## נשיקות משה

אוך זאלין די מתים אין חוץ לארץ שופר של משיח ניט הערין. אונ זאלין ניט לוסטיג לעבעדיג ווערין. דרום מוזטו משה אין דער ערד אריין גיין. אז פון דיין זכות וועגין וועלין די מתים אין דער מדבר אוף שטיין:

## ענד"ע